# אזהרות נחוצות

## פון

# התאחדות הרבנים דאה״ב וקנדא

מיר ווארענען מיט א הארבער אזהרה, אז מען זאל נישט קויפען קיין פיללע פיש — דאס הייסט פיש וואס האבען נישט אויף זיך די הויט מיט די שיפפען (קשקשת) — סיידען א איד א נאמן אויף כשרות וואס איז זיך נישט מורה היתר, האט דאס אליין געמאכט פון די גאנצע פיש.

אויך זענען מיר מזהיר אז מען טאר נישט שיקען געמאלענע פיש, אדער פיללע פיש מיט א גוי, און אויך נישט מיט א איד וואס איז נישט באגלייבט אויף כשרות. נאר ווען דאס איז פארפאקט און פארזיגעלט מיט א געהעריגען חותם.

אויב מען קויפט פיש אויף א פלאץ וואס מען פארקויפט דארט אויך טריפה פיש (ווי למשל אין די קאנטרי געשעפטען וכדומה) — זאל מען נישט נוצען די מעסערס וואס מען שניידט דערמיט די טריי־פה׳נע פיש.

אויך ווארענען מיר, אז ווען מען קויפט א זאך מיט א הכשר, אפילו מיט א הכשר פון דעם בעסטען בית דין, אדער רב המכשיר, מוז דער פראדוקט האבען אזא חותם אז מען זאל אים נישט קענען אויס־טיישען און פארבייטען. דאס הייסט אז מען זאל דערקענען אז מען איז אימגעגאנגען מיט דעם חותם. ווען נישט קוקט אויס אז מען פארלאזט זיך אויף דעם סוחר אדער אימפארטער. עס איז נישט קיין אינטערשיד אויב דאס איז געפאקט אין א שאכטעל אדער פלעשעל, צי אנדערע פאקונג. אויך איז נישט קיין אונטערשיד צי דאס איז אן ארטיקעל פון אמעריקע, אדער פון איראפע, צי ארץ ישראל.

ולהשומעים ינעם ותבוא עליהם ברכת טוב.

# התאחדות הרבנים דארצות הברית וקאנאדא.

---

**פארגעסט נישט אז אלע פראדוקטען מיטען הכשר פון התאחדות הרבנים וויא פאדע, אויל, פעח צוקער און זאלץ, בעקעריי פראדוקטען, יד"ג האבען נישט דעם דערמאנטען חותם.**